בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

:To obtain this and other Breslov publications

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**: Visit Our Web Site**

**www.breslevcenter.com**

קול ברסלב 212-444-9191

חיזוק פאר די אידישע שטוב 212-444-9169

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call:**
**845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דַארְף מֶען רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?..................................א
דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע?..........................................ב
וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד?...........ג
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס?........................ז
וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר?...............ח
וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס? .............................ט
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מִיר צוּרִיק אָנְנֶעמֶען? ........יב
זָאל אִיךְ דַאוֶונֶען אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן?..................יד
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַ פַארְשְׁמִירְטֶע מֹחַ? .......... טז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דַארְפְסְט זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין הַלָכָה...........................................א
הָאסְט מִיר דֶערְפְרֵייט וֶוען דוּ הָאסְט צוּבְרָאכְן דַיין טֶעבְּלֶעט ...............ב
אַ מְלַמֵד דַארְף זַיין אוֹיסְגֶערוּעֶט פַאר דִי קִינְדֶער..............................ב
זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער .........................................................ג
אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן...............................................ג
גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי....................ד
נֶעם אַ טֵייל אִין דִי הוֹצָאוֹת פוּן דִי בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה. ........................ה
דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרָ"אַ"שׁ..............................ו

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועמֶען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ.......................ז

אַ מֵיידְל דַארְף שְׁטֵיין וַוייט פוּן בָּחוּרִים.......................ח

מֶען הַאלְט זִיךְ אַזוֹי שַׁיין צוּזַאמֶען אִין שְׁטֶעטְל.......................ח

זַיין דֶער גַבְּאַי אוּן מַאכְן אַ סֵדֶר.......................ט

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת פוּן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו.......................י

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל.......................יא

קִינְדֶער דַארְפְן נָאר פְרֵיילִיכֶע אוּן רוּאִיגֶע עֶלְטֶערְן.......................יב

סֵדֶר הַיוֹם פַאר אִינְדֶערְפְרִי.......................יב

דוּ עֶקֶלְסְט דִיךְ פוּנֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת".......................יג

אִיךְ וִויל זֶען דָאס נַאטוּרְלִיכְקֵייט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל.......................טו

דוּ שְׁפִּילְסְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיל.......................טו

מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעטוּן רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען.......................טז

דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.......................יז

כַּאפּ אַרַיין אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.......................יח

רֶעד מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, פְּרַאוֶוע נִישְׁט קַיין עֲנִיווּת.......................יט

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חַסְדֵי הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ.......................כ

לָאז אָפּ גֶעלְט, כַּאפּ דִיךְ אָן אִין אֱמוּנָה.......................כ

זַיי שְׁטַארְק צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה.......................כא

זַיי נִישְׁט קַארְג צוּ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן.......................כב

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.......................כב

נֶעם צוּזַאם דִי אִינְגֶעלַייט כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ.......................כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**דַארְף מֶען רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען עֶר הָאט נָאר צַייט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צו): "שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה", אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת", אוּן אַזוֹי ווִי נִישְׁט אַלֶע קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין, "עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד", דֶערִיבֶּער זָאל מֶען כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין שָׁעָה אִין טָאג, ווַייל אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, "אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּה', וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת", אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת - זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט דִי הַנְהָגָה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כא.): 'וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ'", הַלְוַאי זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; וֶוען מֶען הָאט צַייט אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן בְּזֶה הָעוֹלָם דֶעם גַּן עֵדֶן אַלֵיינְס, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן מַיין מַאמֶע, וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶע יָאר, מִיט קַיין אֵיין טָאג וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל חוּצְפָּה'דִיג צוּ מַיין מַאמֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִיר, וּבִפְרַט נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז פָּארְן קַיין אוּמַאן הֶעלְפְּט נִישְׁט פַאר אַן עַזּוּת פָּנִים, אַ מְחוּצָף; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן חוּץ אַן עַזּוּת פָּנִים"; אַ מְחוּצָף הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן.

צְוֵוייטְנְס, וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין מַאמֶע?! אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, זָאלְסְט פַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן קְלַאפְּן עַל חֵטְא מִיט דַיין קָאפּ צוּם עֶרְד אוֹיף דַיין אוֹיפְפִירוּנְג צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן. אָךְ אוּן וֵויי פַאר דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה צִי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס עֶפְנְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין אַלְטֶע מַאמֶע!

קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, "וְתָבוּז לִיקֲהַת אֵם", אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין
~~~~~~~~~~

מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פּוּל מִיט קְנֵייטְשְׁן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זָאלְן קוּמֶען דִי רוֹיבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר, גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע מֶער וִוי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אַז דַיין מַאמֶע דֶערְבִּיטֶערְט דִיר דַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ זַיין אַ מְחוּצָף; אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער דַיין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִיר דִי דִּינִים אוּן עֶס זָאל דִיר גוּט וֶוערְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט פַארְרֶעכְטְן דַיין צוּגַאנְג צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, וִוי אוֹיךְ דָאס לֶעבְּן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צוּם גוּטְן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן לִיטְוִוישְׁן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער צְוֵויי פְרַאגֶעס אִיבֶּער דֶעם. אֵיינְס, דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעְלָה אַז אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אִין יֶעדֶע צַייט, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר אַפָּאר מִינוּט, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ חַבְרוּתָא, אוּן דָאס גְלַייכְן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ הַארְבֶּע זַאכְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַלֵיין נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא, אוּן דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא.

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּן מֶען טְרֶעפְט דָאס אוֹיךְ אִין זוֹהַר אוּן אִין נָאךְ סְפָרִים, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען
~~~~~~~~~~~

וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט בָּרוּךְ ה' עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בְּלוֹיז 'גֶעדַאוֶּועוֶנְט' דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען יֶעצְט עֶפֶּעס מֶער פוּן פַאר דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ –יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר לִיכְטִיג גֶעוָוארְן זַייט דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוּוּסְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת וָואלְטְן אַלֶע גֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוּוּסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידוּת - נִישְׁט נָאר וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפב): ״עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק״, אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם״, אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן אַ חַבְרוּתָא וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זֵייעֶר שַׁארְף (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ נ, לו): ״חֶרֶב״ - עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, ״אֶל הַבַּדִּים״ - אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן קַיין חַבְרוּתָא; ״וְנֹאָלוּ״ - מֶען וֶוערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד וֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חֲזַ״ל וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טְעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חַבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט אַ חַבֵר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): ״כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין

אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים", ווער עס איז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַּחֲלֵי רְתָמִים.

יֶעצְט אוֹיף דַיין צְווייטֶע פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּרְךְ זָאגְן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין; עֶס אִיז כְּדֵי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאךְ שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְווייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְווייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל,

קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה. עַיֵּין שָׁם.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אִים זַיין מֹחַ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְרִישֶׁע שִׁיעוּרִים, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי עֶס פֶעלְט מִיר פַאר דִי נְשָׁמָה.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַסַאךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת פוּן כַּעַס, וֶוען אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט נֶעמְט מִיר זֵייעֶר לַאנְג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם מַצָּב, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן וֶוערְן אִין כַּעַס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן טו): "כַּעַס שֶׁל אִשָּׁה מַחֲרִיב אֶת הַבַּיִת", אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ מַאכְט חָרוּב אִיר שְׁטוּב; וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אַ כַּעַסְ'יגֶע וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף נַארָאנִים, דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אוּמְזִיכֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כד): "עַל-יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", וֶוען מֶען אִיז בְּכַעַס וַואקְסְן דִי קִינְדֶער נַארָאנִים; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף זֵיי וֶוערְן זֵיי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְמַאכְט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

נֶעמְטְס דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף כַּעַס; זֶעטְס צוּ עֶסְן אִינְדֶערְפְרִי פַּת שַׁחֲרִית, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ צוּ עֶסְן צִי דֶער זֶעט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יז): "סְגֻלָּה לְכַעַס שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל אוֹיף כַּעַס; זָאלְט אִיר פוּן הַיינְט מַקְפִּיד זַיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ צוּ וַואשְׁן אוֹיף בְּרוֹיט אוּן עֶסְן אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג, וֶועט אִיר וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן כַּעַס.

מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען אַסַאךְ תְּפִילּוֹת בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בִּפְרָט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר ווֵייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת

בּוֹיעֶט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּב, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחֲלוֹקֶה צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זַייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אִם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן, וָואס זַיין זַאךְ אִיז מַחְלוֹקֶת אוּן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן.

דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אַסַאךְ מָאל אוֹיף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס. אִיךְ קוֹיף אִיר אַסַאךְ מַתָּנוֹת, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז) אַז מִיט דִי כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל קֶען מֶען אִיבֶּער דְרֵייעֶן דִי וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט'ן מַאן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דִי כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל אִיז "לִידֹּם וְלִשְׁתֹּק", נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן
~~~~~~~~~~

ווען מען שרייט און מען פארשעמט; ווען א מענטש שווייגט און ענטפערט נישט ווען מען איז אים מבזה, וועט ער זוכה זיין אז זיין ווייב וועט זיך אינגאנצן איבערדרייען און וועט זיין א העלפער פאר'ן מאן, בתנאי אז דער מאן וועט זיך דערהאלטן; נישט ווערן צעבראכן און נישט ענטפערן אויף די בזיונות וואס ער ליידט פון איר, נאר בעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים, ער זאל זוכה זיין צו פארריכטן וואס ער האט פוגם געווען בפגם הברית וואס דאס מאכט איר זי זאל זיך קריגן מיט אים.

מתנות איז זייער גוט צו געבן אבער נישט דאס איז די עצה, נעם די עצה פון רבי'ן וואס "עצתו - אמונה"; אנטלויף צום אייבערשטן, שמועס מיט אים און דערציייל אים אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, און וואס מער עס איז דיר ביטער זאלסטו אלץ מער זיך צוען צום אייבערשטן. שווייג אפ אויף דיינע בזיונות וכו', וועסטו זען גרויסע וואונדער וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט דיר, אלעס אלעס וועט זיך איבערדרייען צום גוטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי ווערט מען פטור פון פאניק אטאקעס?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט מוז איך דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם געוואלדיגן חסד וואס ער האט געטון מיט מיר אז מיט גרויס השגחה פרטית האב איך געטראפן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א און דאס איז געווען פאר מיר ממש כמים קרים על נפש עיפה, און דערנאך האב איך אנגעהויבן הערן נאך און נאך שיעורים, און דאס האט מיר ממש אויפגעהויבן און מיר געטוישט מיין לעבן צום גוטן. איך האב ברוך ה' אנגעהויבן זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות, עטליכע בלאט גמרא, און אזוי ווייטער נאך שיעורים, און איך פרוביר כסדר צו רעדן עטליכע ווערטער צום אייבערשטן.

יעצט האב איך געוואלט בעטן אויב איר קענט מיר העלפן, מיין ווייב ליידט אסאך פון פאניק אטאקעס, זי האט אסאך ענקזייעטי און פחדים, מיר האבן שוין פרובירט אסאך עצות אבער דערווייל האט גארנישט געהאלפן.

מיר פרובירן צו רעדן אסאך פון אמונה, אזוי ווי מיר הערן ביי די שיעורים, צו רעדן אסאך פונעם אייבערשטן, און מיר בעטן אסאך דעם אייבערשטן אויף דעם, אבער דערווייל האבן מיר נאכנישט געזען קיין שינוי לטובה.
~~~~~~~~~~~

איך ווייס אַז מען טאר נישט אויפגעבן, מען דארף נאר ווייטער בעטן און בעטן, אָבער מיין ווייב וויל זייער אַז דער ראש ישיבה שליט"א זאל אונז שרייבן עפעס עצות און חיזוק, ווי אַזוי מיר קענען זיך שטארקן און נישט אויפגעבן, זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון צו קענען פטור ווערן פון די אַלע פחדים און בלבולים.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער כח אנצוגיין מיט די הייליגע אַרבעט.

אַ גרויסן יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אַייער מאן האט מיר געבעטן איך זאל אייך שרייבן אַפּאר ווערטער.

וויסן זאלט איר אַז ווי מער אַ מענטש חזר׳ט זיך אמונה, ער נעמט אריין אין זיך די אמונה - איז ער זוכה צו לעבן אַ רואיגע און פרייליכע לעבן. ווייל אמונה מאכט שטארק די נערוון; מען האט נישט מורא פון קיין שום זאך און מען לעבט רואיג אַזוי ווי אַ קליין קינד פארלאזט זיך אויף זיין טאטע. ווידער אויב מען האט חס ושלום נישט קיין שטארקע אמונה, מען שפירט נישט דעם אייבערשטן, מען מיינט אַז די וועלט פירט זיך אָן קיין בעל הבית, זאכן פאסירן סתם אָן קיין חשבון, מען קוקט אויף די וועלט ווי עס פירט זיך חס ושלום מיט טבע, מקרה און מזל - דעמאלט לעבט מען שטענדיג מיט פחדים און שלעכטע מחשבות; מען באשולדיגט זיך כסדר און פון דעם קומען אַלע נערוון קראנקהייטן לא עלינו ולא עליכם.

אמונה איז די רפואה פאר אַלע פחדים (ענקזייעט״י, פאני״ק אטאקעס, וכו׳) דאס איז די איינציגסטע רפואה פאר די וואס האבן שוואכע נערוון, דערפאר האט דער רבי זייער אַסאך גערעדט פון אמונה, און געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ה): ״דער עיקר דארף אַ מענטש אַרבעטן צוצוקומען צו אמונה, ווייל אָן אמונה איז זייער שווער דאס לעבן. עס זענען דא זייער אַסאך קרענק וואס קומט נאר צוליב דעם ווייל מען האט נישט קיין אמונה; די אַלע יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן זיך נעבעך צאם, אַלעס קומט פון חסרון אמונה אויף דעם העלפט נישט קיין רפואות, די איינציגסטע רפואה אויף דעם איז אמונה״.

דערפאר בעט איך אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אמונה; פארלאזט אייך אויפ׳ן אייבערשטן, אַזוי וועלן צוביסלעך אַוועק גיין אַלע פחדים, אַזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בטחון, סימן א): ״״מי שיש לו בטחון, אין לו שום פחד״, ווער עס האט בטחון האט נישט קיין פחד פון קיינעם; מען לעבט מיט די מחשבה אַז דער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר; אִיךְ לִיג אִין זַיינֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי", אִיךְ בִּין וִוי אַ קִינְד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ תְּפִילָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג; אוֹיבּ אִיר וֶועט זָאגְן דִי תְּפִילָּה יֶעדְן טָאג - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל, וֶועט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון אוּן מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים וְכוּ'.

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; פַאר מַיין טַייעֶרער מַאן, פַאר מַיין טַייעֶר לִיכְטִיג קִינְד אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הַנָּאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הַנָּאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אִיךְ וֵויין זֵייעֶר אַסַאךְ, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הִיטְסְט מִיר, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיר שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, מַיין קָאפּ דְרֵייְדט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס; מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און בִּזְכוּת מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן״.**

**איר זָאלְט זָאגְן דִי תְּפִילָה נִישְׁט אֵיין מָאל און נִישְׁט צְוֵויי מָאל - נָאר יֶעדֶעס מָאל איר שְׁפִּירְט ווי אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען צוּ לוֹיפְן און שְׁטוּרְמֶען אַייעֶר קָאפּ, איר שְׁפִּירְט ווי אַייעֶר קָאפּ דְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע נֶעגֶעטִיוְוע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט איר נֶעמֶען דִי תְּפִילָה און דָאס זָאגְן אוֹיפְ׳ן קוֹל, וֶועט איר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט ווי עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

~~~~~~~~~~~

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מִשְׁפָּחָה זָאל מִיר צוּרִיק אָנְנֶעמֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי אַכְצֶן יָאר, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי יָאר צוּרִיק, און אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן. מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן מִיר און ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, מַיין טַאטֶע און מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן מִיר כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט און אַרָאפְּגֶעקוּקְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרֵירָה און אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, און אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּרִיק צוּ גֵיין אַהֵיים, אִיךְ וֵוייס אָבֶער אַז מַיין טַאטֶע און מַאמֶע און מַיינֶע בְּרִידֶער גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט מִיר, און אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא, גֵיי אִיךְ בְּלַייבְּן דֶער אוֹיסְוָוארְף פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן מִיר אָנְנֶעמֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן ווִי אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**זַיי נִישְׁט צֶעבְרָאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ און עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל; עֶר ווִיל הֶערְן ווִי דוּ רֶעדְסְט**
~~~~~~~~~~~

צוּ אִים, עֶר וִויל הֶערְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וִוי דוּ רוּפְסְט אִים; זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר! אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר אוּן צוּ דִי תּוֹרָה"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אוֹיס צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

גֵיי אַהֵיים צוּרִיק צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִשְׁפָּחָה; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר צוּרִיק נֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, זֵיי בֶּענְקֶען נָאךְ דִיר אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִיר. עֶס אִיז נִישְׁט וִוי דוּ טְרַאכְסְט אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ קוּמְסְט צוּרִיק אַהֵיים.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, לָאז אָפּ וָואס אִיז גֶעוֶוען. מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אוֹיפְ'ן עָבַר, נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, "אָבֶּער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעְלָה, וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי"; זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

אַז דַיינֶע בְּרִידֶער וֶועלְן דִיר אַרַיין זָאגְן וְכוּ' זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ דַאוְוענֶען אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק און שִׁיעוּרִים און פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן אַ נַייֶע לֶעבְּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערִיג דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, צִי מֶעג אִיךְ דֶעמָאלְט דַאוְוענֶען און זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וְכַדּוֹמֶה, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ טְרַאכְט בִּכְלָל נִישְׁט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער, נָאר אִיךְ זָאג אַזוֹי ווִי תְּהִלִּים?

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ דְרָשָׁה פוּן אֵיינֶעם וֶועגְן אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוְוענֶען, אִיךְ זֶע אָבֶער בַּיי מִיר אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ לַחַץ אַז אִיךְ מוּז אִינְזִין הָאבְּן, וֶועל אִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט דַאוְוענֶען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט, אָבֶער אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער פְלִיעֶט שׁוֹין מַיין קָאפּ אַוֶועק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת און זֵיי אַוֶועק שְׁטוּפְּן, נָאר אָנְהֵייבְּן אִינְזִין הָאבְּן פוּן דָארְט וואוּ דוּ הַאלְטְסְט, און אַז דַיין מַחְשָׁבָה פְלִיט נָאכְאַמָאל אַוֶועק זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן דֶערְמִיט, נָאר פְּרוּבִּירְן אִינְזִין הָאבְּן דָארְט וואוּ דוּ הַאלְטְסְט.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַ מַחְשָׁבָה; וֶוען מֶען זֶעט ווִי דִי מַחְשָׁבוֹת הֵייבְּן אָן אַוֶועק פְלִיעֶן דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רלג): "כְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל הָאָדָם מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם, יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה, וְהוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת און עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת און אִיז זֵיי מְנַצֵּחַ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג און נַחַת רוּחַ פוּן אִים, "כְּמָשָׁל שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים, לִפְעָמִים בְּיוֹמָא דְפַגְרָא הֵם מַנִּיחִין כַּמָּה חַיּוֹת שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְהֵם עוֹמְדִים וּמִסְתַּכְּלִים, וְיֵשׁ לָהֶם תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִן הַנִּצָּחוֹן", אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא בַּיי דִי קֶענִיגְן, אִין גֶעווִיסֶע טֶעג בְּרֶענְגֶען זֵיי חַיּוֹת זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, אַלֶע שְׁטֵייעֶן און קוּקְן וֶוער עֶס גֵייט מְנַצֵּחַ זַיין, זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג וֶוען דִי חַיּוֹת זֶענֶען מְנַצֵּחַ אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, "כְּמוֹ כֵן מַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת הֵם חַיּוֹת טְהוֹרוֹת

וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם חַיּוֹת טְמֵאוֹת", אַזוֹי אִיז מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְש, דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְש זֶענֶען אַזוֹי וִוי חַיּוֹת, גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָהוֹר'עֶ חַיּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָמֵא'נֶע חַיּוֹת, "וּמַנִּיחִים בְּכַוָּנָה מִלְמַעְלָה שֶׁיִּנַּצְּחוּ זֶה עִם זֶה", מֶען בְּרֶענְגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן אוֹיבְן זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, "וְיֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר עַל הַחַיּוֹת טְמֵאוֹת וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זֵיי.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "הַכְּלָל שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּפַעַם אֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶען זָאל טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, "עַל כֵּן בְּקַל יְכוֹלִין לְגָרֵשׁ מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת רַק בְּשֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לַחֲשֹׁב אוֹתוֹ הַמַּחֲשָׁבָה, רַק לַחֲשֹׁב אֵיזֶה מַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת בְּתוֹרָה אוֹ עֲבוֹדָה, אוֹ אֲפִלּוּ מַשָּׂא וּמַתָּן, כִּי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּשׁוּם אֹפֶן", מִמֵּילָא אִיז זֵייעֶר גְרִינְג נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה תְּפִילָה אָדֶער אֲפִילוּ פוּן בִּיזְנֶעס, אַזוֹי גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): "אֵין צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מִלְחָמָה וּלְנַעְנֵעַ רֹאשׁוֹ אָנֶה וָאָנָה כְּדֵי לְגָרֵשׁ הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת", עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אָדֶער וַוארְפְן דִי קָאפּ אַהֶער אוּן אַהִין אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, "כִּי אֵין זֶה מוֹעִיל כְּלָל", ווייל עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, "אַדְּרַבָּא, עַל יְדֵי זֶה מִתְגַּבְּרִים יוֹתֵר", פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶס וֶועט נָאר שְׁטֶערְקֶער מַאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, "רַק לִבְלִי לְהַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם כְּלָל, רַק לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ בַּמֶּה שֶׁהוּא עוֹסֵק, בְּתוֹרָה אוֹ תְּפִלָּה אוֹ מַשָּׂא וּמַתָּן", דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן תְּפִילָה אוּן אֲפִילוּ פוּן בִּיזְנֶעס "וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל לַאֲחוֹרָיו כְּלָל וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא תִּסְתַּלֵּק", מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי, וֶועלְן זֵיי מִמֵּילָא אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַ פַארְשְׁמִירְטֶע מֹחַ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה, עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּ דִי חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא צוּצוּגֵיין צוּ דִי חוּפָּה. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס אִין מַיין לֶעבְּן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה וֶוען דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרוֹיפְקוּמֶען בַּיי מִיר אִין קָאפּ?

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה, אִיךְ וִויל זַיין פוּן יֶעצְט נָאר הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ שֶׁפִּיר ווי אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ אִינְגַאנְצְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַכַּלָּה ... תְּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן אַייעֶר שִׁידּוּךְ; אִיר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעצְט הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי אַייךְ אַ נַייעֶ תְּקוּפָה אִין לֶעבְּן, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אַז מְרַקְּדִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", דָאס הֵייסְט אַז אַ חָתָן דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי כַּלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר חָתָן כַּלָּה אַלֶע עֲבֵירוֹת; מֶען וֶוערְט נֵיי גֶעבּוֹירְן אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אַ נַייעֶ לֶעבְּן. אַז אִיר וֶועט נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי אַלְטֶע וֶועגְן, אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּצִיגֶע וְכוּ' וֶועט אִיר זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם

ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?' און אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי צַייט און עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וואוּ עֶר לִיגְט וְכוּ'; פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און מֶען בַּאקוּמְט דִי נוֹיטִיגֶע שְׁטַארְקַייט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מַאכְטְס זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אוֹיב אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אִיז זֵייעֶר גוּט, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן אַייעֶר קָאפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דַארְפְסְט זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין הֲלָכָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - חוֹרֶף, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֶערְנְסְט הֲלָכָה; בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועְן לִימוּד הֲלָכָה אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט).

דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג הֲלָכָה, דוּ בִּיסְט אַ חֵלֶק פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה - הִלְכוֹת שַׁבָּת.

דַיין זֵיידֶע הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי ... זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט הֲלָכָה בִּכְלַל אוּן הִלְכוֹת שַׁבָּת בִּפְרַט, אִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט. עֶר הָאט גֶעקֶענְט יֶעדֶע מָגֵן אַבְרָהָם אוּן פְּרִי מְגָדִים בַּעַל פֶּה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ וָואס דוּ טְרָאגְסְט זַיין נָאמֶען, דוּ הֵייסְט נָאךְ דַיין זֵיידֶע דַארְפְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין הֲלָכָה.

אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר גְרוֹיס נַחַת, פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין אַלֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, בִּפְרַט דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים; זֵיי דַארְף מֶען זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַפָּצָה.

עֶס אִיז אַ טָעוּת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מֵיינֶען אַז "הַפָּצָה" הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין דִי פְרֶעמְד; אַ רִיכְטִיגֶע הַפָּצָה אִיז מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע וָואס זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק לַעֲמוֹד בְּהֵיכַ"ל הַמֶּלֶךְ, וְדַ"ל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס וַוארְט אוֹיף דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**הָאסְט מִיר דֶערְפְרֵייט וֶוען דוּ הָאסְט צוּבְּרָאכְן דַיין טֶעבְּלֶעט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם בִּילְד פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם טֶעבְּלֶעט, דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט דֶערְמִיט.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן דְבָרִים כְּהַוְיָתָן; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּיינַאכְט אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וַוייז מִיר, וַוייז מִיר אַ צֵייכְן**; וַוייז מִיר עֶפֶּעס אִיךְ זָאל וִויסְן צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ׳ן רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דִי וֶוערְטֶער וֶוערְן דֶערְהֶערְט״, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט דִי תַּלְמִידִים וְכוּ׳, וְכוּ׳; אוּן אַזוֹי רֶעדְנְדִיג בַּאקוּם אִיךְ אַ הוֹדָעָה (טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ) פוּן דִיר, דֶעם בִּילְד פוּן דַיין טֶעבְּלֶעט וָואס דוּ הָאסְט צֶעבְּרָאכְן.

דֶערְפוּן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חִיזוּק וַוייטֶער צוּ רֶעדְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צוּטְרִיט צוּ עֲבֵירוֹת.

אִיךְ בֶּענְטְשׁ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצוּעֶן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת דֶעם וָואס דוּ פָאלְגְסְט; דוּ הָאסְט זִיךְ גּוֹבֵר גֶעוֶוען אוּן זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּעט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אוֹיסְגֶערוּעֶט פַאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְשְׁלֶעפְּן פוּן קִרְיַת יוֹאֵל קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אָפְּשֶׁערְן וְכוּ׳.

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ בְּרָכָה, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פוּן דֶעם קִינְד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת, קַאפְּל אוּן צִיצִית. דוּ מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער בְּנָקֵל וּבְנַחַת".

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דֶער גַאנְצֶער שְׁלֶעפּ, בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד דַארְפְּסְטוּ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פָארְן אוּן קוּמֶען, דוּ דַארְפְּסְט זַיין אוֹיסְגֶערוּט, הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּן סַבְלָנוּת פַאר דִי תַּלְמִידִים. בְּנוֹסָף לָזֶה הָאסְטוּ יוּנְגֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, דַארְפְּסְטוּ מִיט דַיין וַוייבּ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן וָואס וֵוייניגֶער פָארְן אוּן קוּמֶען, עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער.

דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז: עֶס גוּט אוּן שְׁלָאף גֶענוּג כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זַיין רוּאִיג אוּן גֶעדוּלְדִיג צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

...

~~~~~~~~~~

**זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט טוּן וְכוּ'; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְט אִיר גָארְנִישְׁט טוּן.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן גֶעבּ צְדָקָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים?" וָואס זָאל מֶען טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן דִיר צוּ שְׁרַייבְּן; אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אִיבֶּערְ'ן קָאפּ אוּן אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ זַאכְן וָואס דַארְפְן גֶעטוּן וֶוערְן.

דֶער ווינְטֶער זְמַן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים אִין יְשִׁיבָה; אוֹיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין מֵיידְל סְקוּל זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת; דֶער כּוֹלֵל גֵייט אָן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַתְמָדָה; אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט נָאךְ מוֹסְדוֹת - תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל אוּן כּוֹלֵל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

הַיּוֹם קָצָר וְהַמְּלָכָה מְרוּבָּה, דֶער טָאג אִיז קְלֵיין אוּן אַרְבֶּעט אִיז דָא אַסַאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פּוֹעֲלִים עֲצֵלִים, מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג, יֶעדֶע מִינוּט מִיט גוּטֶע זַאכְן.

מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַזוֹי קוּרְץ, וָואלְט עֶר וֶוען גֶעהַאט טוֹיזְנְט שָׁעָה אַ טָאג וָואלְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אַלְץ טוּן.

אִיךְ וִויל דִיר אַיינְלַיידֶענֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה צוּם שֶׁבַע בְּרָכוֹת וָואס מִיר מַאכְן פַאר אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'ער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, מֵיידְל סְקוּל - אַלֶע זַיינֶע יָארְן מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גֶעטְרֵיישַׁאפְט; מַאכְן מִיר פַאר אִים אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת אַלְץ הַכָּרַת הַטּוֹב. אִיךְ לַיידְן אַיין דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

בֶּעט פַאר מִיר: יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער טוּן וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר מְמַנֶּה גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; יֶעדֶע וָוארְט אוּן יֶעדֶע שְׁמֵייכְל וָואס מֶען גֶעבְּט פַארְ'ן קִינְד - בּוֹיט עֶס זֵיי אוֹיף אוּן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט. הֶער אוֹיף שְׁלָאגְן, הֶער אוֹיף מִיט דִי וֶועג וָואס נוּצְט נִישְׁט אוּן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר חָרוּב; וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.
~~~~~~~~~~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידּוֹת פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי קִינְדֶער לָאזְן נִישְׁט שְׁפִּילְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי גְרוֹיסְן זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער זָאלְן זֵיי נִישְׁט מִיט שְׁפִּילְן וְכוּ׳; אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים".

זֶע צוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם זֵיי חַבֶר׳ן זִיךְ; הַיינְט אִין אוּנְזֶער דוֹר זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מְנִיוּוָלִים אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס זוּכְן צוּ מְטַמֵּא זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר אִיז אַ חִיוּב אוֹיף עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - סַיי מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ בְּרָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה: "קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט צוּרִירְן וְכוּ׳" (בַּיים שְׁרַייבְּן - שְׁרַייבְּט מֶען ׳וְכוּ׳, אָבֶער פַאר׳ן קִינְד זָאגְט מֶען נִישְׁט ׳וְכוּ׳, וְדַ"ל), אוּן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען אֵיינֶער אִיז זֵייעֶר זִיס וְכוּ׳.

גֶעדֶענְק: יָפָה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**נֶעם אַ טֵייל אִין דִי הוֹצָאוֹת פוּן דִי בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיפְנֶעמֶען מַיינֶע גַבָּאִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט מִיר צוּ הֶעלְפְן דֶעקְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי הוֹצָאוֹת פוּנֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית הַדְּפוּס אוּן כּוֹלֵל וְכוּ׳ וְכוּ׳; נֶעם זֵיי אוֹיף שֵׁיין אוּן נֶעם אַ חֵלֶק אִין דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאן.
~~~~~~~~~~

אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי יְשִׁיבָה, וִוי דוּ זָאגְסְט מִיר אַלֵיינְס אוּן דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר כְּסֵדֶר וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען זַייט דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְּן דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וְכוּ׳; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַ טֵייל נֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רב): "סְגֻלָּה לָחֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים: רָאשֵׁי תֵּבוֹת ׳נֶפֶ"ל׳; דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל, זָאגְט דֶער רֶבִּי עָר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה. אוּן דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרוּחָנִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, וִויפִיל עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, פַאלְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע רְגִילוּת׳ן וְכוּ׳, - דַאן זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה.

דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט גֶעבְּן מִיר אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וִויפִיל דוּ גֶעבְּסְט; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אִם יִרְצֶה ה׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרָא"שׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּרַאגֶע, וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אוֹיב דוּ זָאלְסְט עֶנְטְפֶערְן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טַעֲנֶה׳עֶן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, זוּךְ נִישְׁט צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן מַסְבִּיר זַיין, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע׳טַעֲנֶה׳עֶט אוּן אַרַיין אִין וִויכּוּחִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן".

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרָא"שׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ טַעֲנֶה׳רֵיי צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳עֶט אוּן גֶעהֶעצְט קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, בִּיז אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט אַ מְחוּצָף אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דָארְט בַּיי דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם שְׁמוּעֶס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן צַדִיקִים. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט "הַיִתָּכֵן עֶר נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר זַיין רֶבִּי? אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן גֶעהֶערְט רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן אוּנְזֶער
~~~~~~~~~~

רֶבִּי וָואלְטְן מִיר זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר אוּנְזֶער רֶבִּי!״ הָאט דֶער בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דַיין רֶבִּי אִיז נִישְׁט בַּאקַאנְט אוֹיבְן אִין הִימְל, מִמֵּילָא מוּז זִיךְ אֵיינֶער אָנְנֶעמֶען פַאר זַיין כָּבוֹד, אָבֶער מַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז בַּאקַאנְט אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶוען מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים וֶועט מֶען זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים פוּן הִימְל, דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען״.

בְּרוּדֶער שְׁוַוייג אוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק פַאר קֵיינֶעם, לָאז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת יט.): ״חַד אִשְׁתָּעֵי מִילְּתָא בָּתְרֵיהּ דְּמַר שְׁמוּאֵל״, אֵיינֶער אַ מְחוּצָּף הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא שְׁמוּאֵל, עֶר הָאט חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן שְׁמוּאֵל, ״וּנְפַל קַנְיָא מִטְּלָלָא וּבְזַעָא לְאַרְנְקָא דְמוֹחֵיהּ״, אוּן עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ בַּאלְקָאן פוּן דַאךְ וָואס הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן זַיין מֹחַ אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, ״שָׁאנֵי צוּרְבָּא מֵרַבָּנָן דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא תָּבַע בִּיקָרֵיהּ״, זָאגְט דִי גְמָרָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר דֶעם וָואס אִיז מְזַלְזֵל אִינֶעם כָּבוֹד פוּן אַ צַדִּיק.

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרַ״ש, וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, זִיךְ פְלַייסְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אוּנְז מְשׁוּגָע אוּן לָאזְט אוּנְז נִישְׁט לֶעבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**אַכְטוּנְג גֶעבְן וֶועמֶען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּב.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ; בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר וואויל, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַאלְטְן מִיט דִי לִימוּדִים.

אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳ זָאגְט אַז דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען צוּ אַייךְ פַאר גֶעסְט צוּ דִי סְעוּדוֹת רֶעדְן צוּ אִיר אוּן קוּקְן אוֹיף אִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין אַייעֶר הַנְהָגַת הַבַּיִת, אִיר וֵוייסְט זִיכֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צֵי פִירְן; אָבֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן אַז וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין בָּחוּרִים (חָסֵר; זֵיי זֶענֶען נָאךְ ווַייט פוּן הָאבְן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי הָאבְן נָאךְ אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּ קוּמֶען
~~~~~~~~~~

צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן צוּ קוּמֶען צוּ וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן בְּגֶדֶר אֱנוֹשִׁי) אוּן מֶען הָאט מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין עֲבֵירָה הַבָּאָה מִן הַמִּצְוָה.

אִיךְ מַאךְ אוֹיךְ הַכְנָסַת אוֹרְחִים, בַּיי מִיר אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה בָּחוּרִים, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אַ מֵיידְל דַארְף מֶער שְׁמִירָה וִוי אַ אִינְגְל; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מַגָּע מַשָּׂא אוּן קַיין קוּקְן, מֶען זִיצְט אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט. אַז מֶען הָאט גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הַאלְטְן פְרֵיי דִי שְׁטוּב, וַוייל וָואס וֶועט אִיר קֶענֶען טוּן אוֹיבּ זִי וֶועט זִיךְ פַארְלִיבְּן אִין דֶעם מְשׁוּגֶענֶעם חַס וְשָׁלוֹם.

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ מִישְׁן בַּיי יֶענֶעם, אָבֶּער אִיךְ ווִיל רַאטֶעוֶוען אַייעֶר טָאכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

אַ מֵיידְל דַארְף שְׁטֵיין וַוייט פוּן בָּחוּרִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קַיין בָּחוּרִים; אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן לַיידֶענֶען בָּחוּרִים צוּ דִי סְעוּדוֹת, זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן זֵיי וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פַייעֶר. אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, זֵיי זוּכְן צוּ רֶעדְן אוּן פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת וְכוּ', זֵיי מוּטְשֶׁעֶנֶען דִיר וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּבּ וִוי לַאנְג זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

~~~~~~~~~~

מֶען הַאלְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּזַאמֶען אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - לֵיל שִׁישִּׁי פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין נֶעכְטְן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל, מִיטְהַאלְטְן פוּן דֶער נָאנְט וְוי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט מִיט אַזַא אַחְדוּת; אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי פוּן דֶעם בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל מָאנְטָאג יִתְרוֹ תשע"ה, דְרֵיי טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת. אִיר הָאט זִיכֶער פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ וָואס בֶּעט זִיךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, דָא הָאט אִיר דֶעם לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: "דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַּי, שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד", אִיךְ בֶּעט אַייךְ דִי לֶעצְטֶע בַּקָשָׁה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, "לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת", מַיין גַאנְצֶע ווילְן אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל פוּן מַחְלוֹקֶת קוּמְט אַרוֹיס נָאר צָרוֹת. בַּיים סוֹף פוּן דִי בְּרִיוו שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל: "הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע, פְּרָאבִּירְט צוּ הֶעלְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מוֹסָד מִיט וָואס אִיר קֶענְט נָאר; עֶס אִיז יֶעדְנְ'ס אַחְרַיוּת אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין רֵיין, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וְויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ אֵיינֶער וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר דָאס אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל דֶעם לָשׁוֹן אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת וְוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ לִיבּ יֶעדְן אִיד"; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ עֶנְק דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת, שַׁבַּת מְבָרְכִים כִּסְלֵו.

...

~~~~~~~~~~

**זַיין דֶער גַבַּאי אוּן מַאכְן אַ סֵדֶר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין עֲבוֹדַת ה', לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע לִימוּדִים; חֲטוֹף וֶאֱכֹל, כַאפּ אַרַיין נָאךְ אוּן נָאךְ דַפִּים גְמָרָא, נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.
~~~~~~~~~~

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אוּן בֶּעטְן אַ שְׁטִיקְל טוֹבָה; דִי אִינְגֶעלַייט בֶּעטְן מִיר, זֵיי ווִילְן מְסַדֵר זַיין זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען מִיט זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן גֶעווִיסֶע זַאכְן, זֵיי בֶּעטְן מִיר צוּ מַאכְן אַ סֵדֶר אַז וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל יֶעדֶע שַׁבָּת מְבָרְכִים זָאל מֶען מַאכְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ זְמַן אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל עֶפֶּעס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן - אַלֵיינְס אָדֶער מִיט זַיין וַוייבּ.

וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בַּאשְׁטֵיין מִיר צוּ הֶעלְפְן, זַיין מַיין גַבְּאַי צוּ מְסַדֵר זַיין אַ צַייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיךְ הָאבְן אַ חֵלֶק אִין הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים אַז גַבְּאַ"י אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אָ'נָּא בְּ'כֹחַ גְּ'דוּלַת יְ'מִינְךָ, אַ גַבְּאַי דַארְף אוּמְגֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן מִיט מִדַת הַחֶסֶד וָואס אִיז צַד יְמִי"ן, אוּן אוֹיךְ מִיט אָנָ"א - לָשׁוֹן בַּקָשָׁה; אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר מֶער פְּרָטִים.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי שְׁפַּאצִירְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ עֶס אִיז גוּט קַאלְט אִין שְׁטֶעטְל זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אָנְפֶּעלְצְן אוּן גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זֶען נִסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת פוּן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיטְ'ן דְרוּקְן דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מֶען זָאל מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אָנְרוּפְן זָאגְן וִוי מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶ' וּמְחַזֵק מִיט דִי בְּרִיוְון.

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט מַיינֶע חִיזוּקִים, מַיינֶע חִידוּשִׁים; דָאס אִיז אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְן - מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ - פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ צוּזַאמֶענְנֶעמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן דָאס דְרוּקְן - אַ חֵלֶק נָאךְ אַ חֵלֶק, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ זְכוּת לְנַצֵחַ נְצָחִים מִיט מְחַזֵק זַיין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~~

אַ שָׁאד אַז דוּ דְרוּקְסְט דָאס נִישְׁט אִין אַ פַאְרמַאט פוּן אַ גֶעהֶעריגֶע סֵפֶר; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְן מִיטְ'ן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי בְּרִיוְון אַלְס קוּנְטְרֵסִים נָאר דוּ וֶועסְט דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן אִין גֶעהֶעריגֶע סְפָרִים.

גֶעדֶענְק, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, מֶען דַארְף אַלְץ וֶועלְן טוּן נָאךְ און נָאךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ; דוּ וֶועסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ.

...

~~~~~~~~~~

### אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ זַיין דָארְט, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַזַא גוּטֶע טַעַם; זֶעעֶנְדִיג וִוי מֶען לֶעבְּט צוּזַאמֶען, מֶען הֶעלְפְּט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - מַמֶּשׁ וִוי אֵיין גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶס אִיז אַ מָקוֹם תּוֹרָה; עֶס אִיז דָא שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי און בַּייַנאכְט. אִיךְ וִויל און אִיךְ בֶּעט אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן דָארְט און דַאוֶוענֶען דָארְט שַׁחְרִית - זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר'ן דַאוֶוענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה. אֲפִילוּ דִי וָואס הַאלְטְן נִישְׁט מִיט דֶעם לִימוּד וָואס דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען זָאלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דֶער גַאנְצֶער טָאג וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט מִקְוֶה, לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' זַיין יֶעדֶע וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל אֵיינְמָאל אָדֶער מֶער, אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּייַנאכְט; אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה וַוייל נָאר אַזוֹי הָאט מֶען הַצְלָחָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**קִינְדֶער דַארְפְן נָאר פְרֵיילִיכֶע און רוּאִיגֶע עֶלְטֶערְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אִיר אַרְבֶּעט; דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן לִיבּ צוּ גֵיין אִין סְקוּל, זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי קֶענֶען גוּט דִי לִימוּדִים.

אוֹיבּ זִי הָאט שְׁאֵלוֹת וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאל זִי זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ מִיר רוּפְן פְרֶעגְן וָואס זִי וִויל וִויסְן.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל; גֶעדֶענְק, קִינְדֶער וֶוערְן נִישְׁט מֶער פְרֵיילִיךְ וֶוען יֶעדֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בֶּעט אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער דַארְפְן אֵיין זַאךְ: ״אַ פְרֵיילִיכֶע רוּאִיגֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע״. זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וְוִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט קֶענֶען צָאלְן אַזַא גְרוֹיסֶע מָארְטְגִידְזְשׁ פַאר דְרַייסִיג יָאר חוֹדֶשׁ׳לִיךְ; וָואס וֶועט דַיין וַוייבּ הָאבְּן פוּן אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען אַהֵיימְקוּמֶען, דוּ וֶועסְט דַארְפְן דֶעקְן דִי חוֹבוֹת, מָארְטְגִידְזְשׁ? וָואס וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן פוּן אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז, בַּאזוּנְדֶערֶע בֶּעטְן וְכוּ׳ אַז וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין גְרוֹיס לַחַץ וֶועסְטוּ שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳?!

עֶנְדֶערְשׁ קוֹיף קְלֵיין, וָואס דוּ וֶועסְט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף קֶענֶען דֶעקְן, וֶועסְטוּ מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק (קֹהֶלֶת ט, ט): ״רְאֵה חַיִּים עִם הָאִשָּׁה אֲשֶׁר אָהַבְתָּ״; דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׁיינֶע זִיסֶע טֶעג אוּן יָארְן.

...

~~~~~~~~~~~

**סֵדֶר הַיוֹם פַאר אִינְדֶערְפְרִי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זָאגְן: ״מוֹדֶה אֲנִי״; וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען גְלַייךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְוֵייטְנְס - נֶעגְל וַואסֶער; זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן ״נֶעגְל וַואסֶער״ בַּיינַאכְט פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט קֵיין אֵיין טְרִיט.
~~~~~~~~~~~

דְרִיטְנְס – וִוי שְׁנֶעלֶער גֵיין דַאוֶונֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא): "דַאוֶונֶען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס; אוֹיב מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ קֶען מֶען דָאס אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דַאוֶונֶען וָואס פְּרִיעֶר".

פֶּערְטְנְס – זָאלְסְטוּ זֶען צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ טָאג, אָבֶער וָואס מֶער אִיז אַלְץ בֶּעסֶער; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ.

וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיךְ אִיז גוּט צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין טְרֶערְן וֵויין אוֹיפְ׳ן קוֹל, מִיט אַ קוֹל פוּן וֵויינֶען.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### דוּ עֶקֶלְסְט דִיךְ פוּנֶעם וָוארְט "צְנִיעוּת"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ "צְנִיעוּת" אוּן דוּ עֶקֶלְסְט זִיךְ דֶערְפוּן, הֱיוֹת דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט פַאר צְנִיעוּת, גֶעשְׁלָאגְן פַאר צְנִיעוּת אוּן גֶע׳רוֹדְפְ׳ט פַאר צְנִיעוּת, אַז עֶס אִיז דִיר פָּשׁוּט נִמְאָס גֶעוָוארְן דָאס וָוארְט "צְנִיעוּת"; עֶס קְלִינְגְט דִיר אִין קָאפּ דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע וָוארְט: "צְנִיעוּת, צְנִיעוּת, צְנִיעוּת..."

אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז "צְנִיעוּת" אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם, זָאלְסְט שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ מִיט אִיר צְנִיעוּת אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ זָאג דִיר אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ לַאכְן פוּן דִיר אַלֵיינְס; וֶוען עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אַפָּאר יָאר, מֶען וֶוערְט אַבִּיסְל עֶלְטֶער, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אֵיינְזֶען וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אוּן וָואס אִיךְ זָאג דִיר שְׁטֶענְדִיג, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אָפְּשַׁאצְן דָאס וֶוערְד פוּן אַ עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי וָואס טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אוּן בּוֹיט אַ וַוארִימֶע שְׁטוּבּ פַאר אִירֶע קִינְדֶער.

טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, וִויפִיל אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען צוּ מִיר אַז זֵייעֶר וַוייבּ טוּט זִיךְ אָן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג; זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹדֶה אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שׁוּלְד, וַוייל זֵיי פְלֶעגְן לַאכְן אוּן
~~~~~~~~~~

שְׁפֶּעטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה פוּן צְנִיעוּת, צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶס אַרַיין אִין אִיר אוּן הַיינְט הָאט זִי נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ גָארְנִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט אוֹיסְטוּן אִיר לְבוּשׁ וִוי אִיר מַאמֶע גֵייט אוּן זִי זָאל אָנְטוּן דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי דִי הַלָכָה אִיז; פוּן דִי דְרֵיי יָאר זָאלְסְטוּ זֵיי אָנְטוּן נָאר טֵייץ סַיי אִין שְׁטוּב אוּן סַיי אִין סְקוּל, טוּ אָן דַיינֶע טֶעכְטֶער מִיט שֵׁיינֶע לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, זִינְג זֵיי אוּן זָאג זֵיי: "אַה מְחַיֶ' צְנִיעוּת, אַה מְחַיֶ' צְנִיעוּת, אַה מְחַיֶ' לֵייג אַרַיין אִיר נָאמֶען אִיז צְנִיעוּת'דִיג"; זִינְג זֵיי דֶעם נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין סְקוּל יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זֶען נַחַת.

מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַיין דְרֵיי, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער אוּן זֵיי שְׁפִּירְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן; אַז דִי עֶלְטֶערְן לַאכְן זִיךְ אוֹיס, מֶען טוּט אָן לוֹיט דִי תַּקָנוֹת הַמּוֹסָד אָבֶּער מֶען לַאכְט דֶערְפוּן, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין סְקוּל, זוּנְטָאג וְכַדוֹמֶה - אִיז מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ שְׁפִּיל, צְנִיעוּת אִיז אַ שְׁפִּיל, וְכוּ', וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָנְטוּן פְּרִיצוּת'דִיג, וָואס וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט טוּן?!

אִיךְ בֶּעט דִיר, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, בֶּאֱמֶת אַן אֵשֶׁת חַיִל, אוּן דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, בִּיסְט פָּשׁוּט פַארְעֶקְלְט פוּן צְנִיעוּת, פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ'. זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְלֵיידִיגְן דַיין קָאפּ; טוּ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטוּן, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלֶערְט מַיין קָאפּ, אוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז מִיר גֶעוֶוען נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל".

בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ..., פוּן הַיינְט קוּק אוֹיף צְנִיעוּת וִוי שֵׁיין דָאס אִיז, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָה יג:) אַז וֶוען אַ פְּרוֹי אִיז צְנִיעוּת'דִיג, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, רַייךְ אוּן שֵׁיין, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אִיר מְלָכִים, קֶענִיגְן; אוּן צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְּרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער; אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעסֶע אִין דֶעם, אֵיין אִינְטֶערֶעסֶע הָאבּ אִיךְ, צוּ זֶען אִין יָארְן אַרוּם נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דוּ מֶעגְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ וָואס הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי עֶקְלֶען זִיךְ פוּן דֶער וָוארְט "צְנִיעוּת", וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס שֵׁיין אוּן דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי.

...

~~~~~~~~~~

**אִיךְ ווִיל זֶען דָאס נַאטוּרְלִיכְקֵייט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ נַחַת צוּ זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט פָאר דֶעם דַף גְמָרָא בַּיינַאכְט אִין שְׁטֶעטְל.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאג נִישְׁט פָארְאוֹיס וֶוען אִיךְ קוּם צוּ אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ קוּם אָן פְּלוּצְלִינְג; אִיךְ טוּ דָאס ווַייל אִיךְ וֶועל זֶען ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָן מִיר, וֶוער עֶס קוּמְט לֶערְנֶען, וֶוער עֶס הַאלְט מִיט דֶעם שִׁיעוּר; אִיךְ ווִיל זֶען דָאס נַאטוּרְלִיכְקֵייט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל.

וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זֶען - דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזֶען, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְּלוּצְלִינְג אִינְמִיטְן דַיין שִׁיעוּר אוּן גֶעזֶען ווִי שֵׁיין דוּ לֶערְנְסְט פָאר אוּן ווִי אַלֶע הַאלְטְן מִיט דֶעם שִׁיעוּר; דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דִי בָּחוּרִים פְרֶעגְן מִיר צִי אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ פָארְן צְוֵויי שָׁעָה אַהִין אוּן צְוֵויי שָׁעָה צוּרִיק וְכוּ׳, אִיךְ זָאג זֵיי אַז דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ; וֶוען אִיךְ זֶע ווִי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי בְּאַחְדוּת׳דִיג - דָאס גֶעבְּט מִיר פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין אַרְבֶּעט.

אַ טָאג וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קַאלְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין ווַאלְד אוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵיי פַאר אַפָּאר מִינוּט; טוּ עֶס מִיט שֵׂכֶל וְכוּ׳.

...

~~~~~~~~~~

**דוּ שְׁפִּילְסְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי ווִי אַ שְׁפִּיל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִיר; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי לוֹיפְן אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה.

זֵיי קֶענֶען דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי קְלָאר, מַמָּשׁ ווִי מֶען זֶעט עֶס פַאר דִי אוֹיגְן; זֵיי דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע רִיר וָואס דֶער מְלַמֵּד טוּט, זֵיי מַאכְן נָאךְ ווִי אַזוֹי דוּ שְׁפִּילְסְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי

ווי אַ שְׁפִּיל; ווי דו מַאכְסְט חוֹזֶק פון די גֶעטְשְׁקֶעס און ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ און יִצְחָק אָבִינוּ הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פון מְלַמְּדוּת; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּ' צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה און קִיּוּם הַמִּצְווֹת.

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אַ "חַיּוּת" אִין דִי כִּתָּה, לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָנְגֶעצוֹיגְן; לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אִיז נִישְׁט אַ סְתִּירָה צוּ דִיסְצִיפְּלִין (מַשְׁמַעַת) און אָנְגֶעצוֹיגְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דִיסְצִיפְּלִין.

...

~~~~~~~~~~

מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעטוּן רֵיין און צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין; אַז דַיין וַוייבּ אִיז יֶעצְט נִישְׁט בְּכֹחַ צוּ רֵיין מַאכְן דַיינֶע קְלֵיידֶער אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ אַזוֹי אַרוּם צוּ גֵיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיד.): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁנִּמְצָא רְבַב עַל בִּגְדוֹ חַיָּיב מִיתָה", אַ תַּלְמוּד חָכָם וָואס גֵייט מִיט פְלֶעקְן אִיז חַיָּיב מִיתָה; וַוייל עֶר אִיז גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פון זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, מֶען וֶועט זִיךְ עֶקְלֶען פון תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

בִּפְרַט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד דַארְף נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין און צוּזַאמְגֶענוּמֶען, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןן אוֹיף דֶעם, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכז): "הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת", דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען תּוֹבֵעַ אַ דִין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זֵיי נִישְׁט.

אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְף ווִיסְן אַז אוֹיבּ דִי וַוייבּ הַאלְט נִישְׁט רֵיין דִי שְׁטוּבּ; וַואשְׁט נִישְׁט דִי וֶועשׁ; גֶעשִׁיר, וְכוּ', דַארְף מֶען דָאס אַלֵיינְס טוּן, מֶען טָאר נִישְׁט וואוֹינֶען ווי אַ בַּעַל חַי.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין שׁוֹיעֶר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נ:): "רוֹחֵץ אָדָם ... בְּכָל יוֹם בִּשְׁבִיל קוֹנוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ וַואשְׁן דֶעם גַאנְצְן גוּף לִכְבוֹד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כָּאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ טָאג, אוֹיבּ נִישְׁט צְוֵויי מָאל; גֵיי נִישְׁט מִיט וֶועשׁ מֶער ווי אֵיין טָאג (חוּץ אַן אַרְבֶּעטְס הֶעמְד וכדו').
~~~~~~~~~~

אִיךְ זָאג דִיר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ וִויל דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

גֶעבּ אַ קוּק, וָואס הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעטוּן? "וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם (בְּרֵאשִׁית יח, א)", עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט גֶעזוּכְט מֶענְטְשְׁן מִיט וֶועם עֶר וֶועט קֶענֶען טוּן חֶסֶד, גֶעבְּן עֶסְן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּ דִי אֱמוּנָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: (שַׁבָּת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים" דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז גְרֶעסֶער "מִקַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה", פוּן מְקַבֵּל זַיין דִי שְׁכִינָה; אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (בְּרֵאשִׁית יח, ג): "אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ", אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פַאר אַפָּאר מִינוּט צוּ מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן; טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען דוּ הַאלְטְסְט בַּיי אַזַא מַדְרֵיגָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס קוּמְט צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן? וָואלְסְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ קֵיינֶעם, נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם נָאר גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז הַפָּצָה אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי שְׁכִינָה, אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַלְט אוּן שְׁוַואךְ נָאכְן זִיךְ מַל׳ן, דָאךְ אִיז עֶר גֶעלָאפְן מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי הַאֲזִינוּ, פִּיסְקָא שיג): "עַד שֶׁלֹּא בָּא אָבִינוּ אַבְרָהָם לָעוֹלָם, כִּבְיָכוֹל לֹא הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֶלֶךְ אֶלָּא עַל הַשָּׁמַיִם בִּלְבָד, וְכוּ׳, אֲבָל מִשֶּׁבָּא אָבִינוּ אַבְרָהָם לָעוֹלָם - הִמְלִיכוֹ עַל הַשָּׁמַיִם וְעַל הָאָרֶץ", בִּיז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם (בְּרֵאשִׁית כד, ז), אַלֶע הָאבְּן גֶעוְואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר עֶר אִיז אוֹיבְן וַוייט וַוייט אִין הִימְל, אָבֶּער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דִי אֱמוּנָה אִין אַלֶעמֶען, בִּיז מֶען הָאט גֶעוְואוּסְט אַז עֶס אִיז אֱלֹקֵי הָאָרֶץ (שָׁם כד, ג).

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הַפָּצָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן דֶעם; דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
~~~~~~~~~~~

לְאָרְכָּה וּלְרָחְבָּהּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וֵוייס נָאךְ נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ ווען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ וֶועל דִּיר לָאזְן וִויסְן וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**כָּאפּ אַריין אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט זָאל עֶר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "כָּל זְמַן אַ אִיד בְּלֶעטֶערְט דַפִּים גְמָרָא, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ אִיד"; אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִין דִי טֶעג, דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אַרַיין כַאפְּן אַ דַף גְמָרָא. אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): "בְּקַשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אָן תּוֹרָה אִיז מֶען אָרֶעם, אָן תּוֹרָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית דֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה אוּן טוּט נִישְׁט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין אָרֶעם. אִין בֵּית הַחַיִּים נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קֵיין גֶעלְט מִיט קֵיין הַייזֶער, דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.
~~~~~~~~~~

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ וֶועלְן מִיר מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן דַף גֵייעֶן יֶעצְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס. זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ יֶעצְט אָן וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**רֶעד מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, פְּרָאוֶוע נִישְׁט קַיין עֲנִיווּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שָׁלִיחַ וָואס פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַ בְּרִיוֶועלֶע.

אַז עֶס אִיז דִיר אָנְגֶעקוּמֶען דִי זְכוּת צוּ רֶעדְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ - בֵּית שֶׁמֶשׁ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט צְוֵוייפְלֶען נָאר רֶעדְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט מְחַזֵּק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט מִיט דִי חִיזּוּק אוּן עִידוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

גֶעדֶענְק, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְחַזֵּק זַיין אַ אִיד, אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ (שְׁמוּאֵל-א טו, יז): "אִם קָטֹן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ", אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, "רֹאשׁ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָתָּה", בִּיסְטוּ יֶעצְט אַ פִירֶער פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט פְּרָאוֶוען קַיין עֲנִיווּת. דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קיט, מו): "וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ", אִיךְ רֶעד פוּן דִיר - אֵייבֶּערְשְׁטֶער - פַאר אַלֶעמֶען אָן קַיין בּוּשָׁה.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַּךְ, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן צִי דוּ בִּיסְט רָאוּי אָדֶער נִישְׁט; דֶעמָאלְט טְרַאכְט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אוֹיבּ וֶועט נָאךְ אַ אִיד מְחוּזָּק וֶוערְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר קָאפּ ווֵיי, אַז מֶען טְרַאכְט: 'וֶוער בִּין אִיךְ?' 'מֶעג אִיךְ רֶעדְן?' 'רֶעד אִיךְ גוּט?'

שְׁטַארְק זִיךְ, דַיינֶע עִיקָר דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין מִיט דִי תּוֹכָחָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן מִיט רַחְמָנוּת: "עֲדַיִן חֲבִיבוּתָא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ; דָאס דַארְף זַיין דִי עִיקָר דִיבּוּרִים אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען צוּ אַייךְ בְּקָרוֹב.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שִׁיק אִיךְ דִיר אַ בְּרִיווּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): "לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסּוֹ", דֶער וָואס הָאט נִסִּים אַנֶערְקֶענְט גָארְנִישְׁט דִי נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים; אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט יָא מַכִּיר דֶעם נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיר גֶענוּמֶען פוּן וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען וְכוּ', - לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים, עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ; דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַזַא אֵשֶׁת חַיִל, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶעלֶע, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאסְט מִיר מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיטְ'ן שְׁרַייבְּן אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן שְׁטוּב אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף וִוידִיאוֹ"ס אוּן מָאוִוי"ס; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן זֶרַע בֵּרַךְ ה'.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**לָאז אָפּ גֶעלְט, כַאפּ דִיךְ אָן אִין אֱמוּנָה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' זָאלְט אִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס הַיינְט אִיז עֶר דָא אוּן מָארְגְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא; מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חַזֶר'ט אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער פְרוּמֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זָאגְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה): "אוּן וַוייטֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקֵייטְן".

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איר זָאלט נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה פון תַּאֲווֹת מָמוֹן; דָא בַּיי אוּנְז אִין אַמֶעריקֶע אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, כִּמְעַט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֶען טְרֶעפְט רֶעדְט פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט. עֶס זֶענֶען דָא אֵיינְצֶעלְנֶע אִינְגֶעלַייט וָואס מֶען קֶען מִיט זֵיי שְׁמוּעֶסְן פוּן דָאס נַארִישְׁקֵייט פוּן גֶעלְט, אִיךְ הָאף אַז אִיר זֶענְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִילָה׳ס לַייט וָואס רֶעדְן נִישְׁט פוּן גֶעלְט נָאר פוּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה ה׳ צוּ קוּמֶען פַאר אַ בַּאזוּךְ אִינֶעם נַייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בֵּית שֶׁמֶשׁ, בְּקָרוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**זַיי שְׁטַארְק צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ שְׁלִיחַ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַ קְלֵיין בְּרִיוֶועלֶע.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר טַייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מִידוֹת; דוּ מַאכְסְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אַ גוּטֶע נָאמֶען פַאר דִי יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען זֶעט וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ סֵיי צוּ דַיין וַוייבּ, צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אוּן צוּ אַלֶעמֶען.

זַיי שְׁטַארְק צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה; זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דֶעם, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ גֵיין, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין".

אִיךְ דַארְף אַ טוֹבָה פוּן דִיר; וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, דוּ כַאפְּסְט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין מִירוֹן, צְפַת, טְבֶרְיָ׳ אוּן בִּפְרַט קַיין יַבְנְאֵל, זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר מִיר, בִּפְרַט בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש - אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי תַּלְמִידִים וְכוּ׳.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט נָאךְ דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**זַיי נִישְׁט קַארְג צוּ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ הַיינְט אַ שָׁלִיחַ וָואס פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדְענוּנְג בַּיי דִיר; בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה גֵייט אַלֶעס אָן אַזוֹי ווִי אַמָאל, עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעבִּיטְן פוּן דִי יָארְן וֶוען דוּ הָאסְט דָא גֶעלֶערְנְט.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַריין צוּבִּיסְלֶעךְ מֶער אוּן מֶער אִין דִי וֶועלְט; עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶעם זְמַן זֵייעֶר אַסַאךְ פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים, זֵייעֶר וואוֹילֶע בָּחוּרִים וָואס ווִילְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין ווַייבּ; זַיי נִישְׁט קַארְג צוּ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן, מַאךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, צִי דִי גוּט וָוארְט קוּמְט יָא אַרַיין אָדֶער נִישְׁט. דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ, אַ גֶעבֶּער (גֶּבֶר מִלָּשׁוֹן גֶעבֶּער), וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זֵייעֶר נָאךְ דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְקְטְס אַייךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ מָרַת ... תְּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שָׁלִיחַ וָואס פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער גַאנְצֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן - אַז מִיר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיטְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ אִידְן זַיינֶע לִימוּדִים, עֵצוֹת, חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה.

וֶוער עֶס לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוְון וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועט זֶען ווִי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל: ״מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין זַאךְ: מְשַׁמֵּשׁ
~~~~~~~~~~

זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

גֶעבְּטְס אַ גְרוּס פַאר אַייעֶר זוּן הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר.

בְּנוֹגֵעַ דִי כַּלָּה ... תִּחְיֶ'; לְדַעְתִּי אִיז זִי אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, זִי זָאגְט אַז זִי ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן. זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין; אוֹיבּ זִי ווִיל אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ זָאל זִי דָאס טוּן וָואס שְׁנֶעלֶער, ווִי אֵיידֶער עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, וד"ל.

אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר אַפָּאר טֶעג.

...

~~~~~~~~~~~

**נֶעם צוּזַאם דִי אִינְגֶעלַייט כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שְׁלִיחַ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער.

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע צוּם שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת; אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ עֶנְק בְּקָרוֹב. אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קַיין פּוּנְקְטְלִיכֶע פְּלַאן, אָבֶער אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים אַז אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' קוּמֶען צוּ עֶנְק זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה צוּ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ ווִיסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט הַפָּצָה; הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מְסַדֵּר זַיין בַּיי דִי אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען צְוֵויי מָאל אָדֶער כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר. הַיינְט מִיט דִי פַארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע וֶועגְן קֶען מֶען זִיצְן אִין אֵיין עֶק וֶועלְט אוּן רֶעדְן אוּן זֶען אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט.

לֶערְן זִיךְ פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' ווִי זִי מַאכְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן דִי צוּזַאמְקוּם וְכוּ', זָאלְסְטוּ דָאס מַאכְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט נָאךְ דִיר.

...

~~~~~~~~~~~